מפענח נעלמים

ע"י הרב הצדיק הקדוש מוהר"ר

יחיאל מיכל מזאלטשוב

אין דר מעשה ווערט דר ציילט וויא עס האט זיך אמאל געטראפין אז איודיש קינד איז געבליבין אין א גרוב ביי איין שררה פון קינדהוויים אן , ביז השי"ת האט אים פון דארטין ארויס געצויגין דורך איין נכרי אונ ער האט אים פאר פירט צווישין יודין , אונ פון דעם קינד איז געווארין א גאון עולם, אונ איז געקומן דער צו אז ער זאל נעמען זיין אייגינע שוועסטער פאר אהייב בטעות , נאר הרב הצדיק הנ"ל האט דאס ארויס געזעהן פריער מיט א יאר , אונ האט אים מציל געוועזן פון דר עבירה דורך אקוויטעל אזו וויא דא ווערט דר ציילט אזו זאל השי"ת אונז אלימען אפ היטן פון אלערליי שלעכטש ובא לציון גואל אמן סלה :

באדיבות בית מסחר הספרים
של ר' יצחק [illegible] [illegible]

[illegible]
[illegible]

ВИЛЬНА,
Типографія Б. Ціонсона, Трокская д. 13.
1913.

ויהי עס איז אמאל געוועזן איין ארענדאר ער איז געוועזן זייער
איין ערליכר יוד אונ איז געזעסן אין איין דארף ביי איין
שררה ער האט געהייסן ר׳ ישראל. דר רענדאר איז געוועזן ביי
דעם שררה זייער חשוב. היינו ער האט אן דעם רענדאר ניט
געטאן קיין שום זאך ער האט ניט גקופט אויך ניט פאר
קופט אן דעם רענדאר. ער איז אפ געזעסן ביי דעם אדון
אצייט פון עטליכע יאר. ראטעס פר דעם דארף פלעגט ער צו
צאלן אוסגארע דס הייסט פר יעדערן קווארטיל האט ער געצאלט
פריער. דר אדון איז פון ר׳ ישראל זייער קאנטענט געוועזן. אין
עטליכע יאר ארום מאכט זיך דעם ר׳ ישראלען איז שלעכט
געווארן אין דר ארענדע אונ ער איז געווארן ארעם. עס איז
גקומן דס קווארטיל ער האט ניט צו געבן דעם שררה קיין
געלד אוסגארע. האט ער געבעטן דעם שררה אז ער וועט אים
געבן איזדאלגע דאס הייסט דס קווארטיל וועט אום זיין וועט
ער אים באצאלן. דר שררה מחמת ער האט אים זייער ליב
געהאט האט ער ביי אים גפועלט אז ער וועט נעמן ביי אים
איזדאלגע. עס איז גקומן נאך דעם קווארטיל ער האט ווייטער
ניט. ער בעט דעם שררה ער זאל אים נאווארטן וועט ער
אים שון געבן מיט אמאל פר איין האלב יאר. דר שררה
איז אזוי אויך מרוצה געווארן אז ער זאל נעמן ביי אים פר
א האלב יאר. עס איז גקומן צום האלבן יאר אונ ער האט
ווייטער ניט צו געבן. זאגט דר שררה צו אים ישראל דו
ווייסט אליין הכלל אז איך טוה ניט קיין שום רענדאר פון אלע
מיינע רענדארס דס וואס איך טוה דיר. ווייל איך האב דיך
ליב טוא איך דיר נאך מיין זיץ אפ אין דארף ביז סוף יאר
אז סוף יאר זאלסטו זעהן מיר אפ צו געבן די ראטע פון
גאנצן יאר. גאר באם לאו אז דו וועסט ניט אפ געבן סוף
יאר אין גאנצן די ראטע זאלסטו וויסן אז דו ביסט דיין נייע

אונ וויפיל קינדר דו האסט זענט איר אלע פר פאלען איך וועל אייך אריין ווארפן אין איין גרוב ביז איר וועט דארט אום שטארבן. אונ גדענק דס גאנץ גוט אונ זעה סטארע זיך אז דו זאלסט האבן די ראטע פר אגאנץ יאר. דר ר' ישראל רענדאר דאנקט אים זעהר שיין אונ גייט פון אים אהיים. ער טראכט זיך וויא אזו עס וועט דר נאך זיין גוט איז אים איין חיי שעה. ער איז אפ גזעסן דס האלבע יאר אבר דר אומגליק הט אים צו גדינט אז עס איז גקומן סוף יאר ער קאן אים ניט געבן אפילו פר איין קווארטיל. דר שררה שיקט אים רופן אונ זאגט אים נוא ווי איז מיין געלד. זאגט ער אז ער הט גיט איז די שררה גווארן אין כעס. אונ הט גשאפט מען הט גנומן דעם רענדאר אונ די רענדארקע אונ זיי האבן גהאט צוויי קינדר אונ מיט דעם דריטן איז זיא גוועזן מעוברת אונ מען הט זיי מיט אלייטר אראפ גלאזט אין איין גרוב. אונ מען הט גהייסן זיי געבן אלע טאג צו פונט ברוט אונ איין קווארט וואסר אוף יעדרן מענש. דארטן האבן זייא גדארפט לצורך אוך גיין (רחמנא לצלן) דר איינפיר איז גוועזן אז אלע נאכט הט גדארפט גיין צו דעם גרוב אנגברי אוף סטראזע. פלעגן די גברים גיין אלע נאכט אקאליע. אז זייא פלעגן קומן צו גיין אוף דר סטראזע פלעגן זייא זיך אריין בייגן אין גרוב אונ פרעגן ישראל לעבבטו הט ער גענפרט יוא:

ובאותו הכפר אין דעם דארף זענן גוועזן צווייא גברים איינר איז גוועזן אבעזריטניק ער הט קיין קינדר ניט גהאט, אונ איז גוועזן אסאוועסניע זייער. די גאנצע גראמאדע האבן אים ליב גהאט אונ ער איז גוועזן זייער רייך ער הט גהייסן איוואן. דר אנדר איז גוועזן איין גימיינר חאדזייען אונ איז גוועזן זייער אשלעכטר. אז דיא גאנצע גראמאדע הט אים פיינט גהאט ער הט גהייסן לאקאש. דר איוואן הט ליב גהאט איין יודן אונ דר לאקאש הט פיינט גהאט איודן איז גוועזן אז איוואן איז גקומן אוף דר סטראזע אונ האט גזעהן אז אין די פאלאצען איז שון פינצטר. פלעגט ער זיך אריין בייגן דעם קאפ אין גרוב אריין אונ פרעגט מיט דעם רענדאר רייכן אונ הט אים אלץ גטרעגט. ישראל קס וועט זיין דר סוף

וואס דו וועסט דא זיצן ׃ ענפערט אים דר רענדאר פאר שטייא אליין וואס קאן איך טאן . איך זאל זיין אין דרויסן וואלט איך זיך געקאנט אפשר עצות געבן . אז איך זאל די ווייב אונ קינדר אויך ארויס נעמען אבר אז איך ליג אין גרוב וואס קאן איך טאן . דר איוואן פלעגט אים טרייסטן . איר האט איין גרויסן גאט ער איז א מתיר אסורים ער קאן דיך פון דאנן אויך ארויס נעמען אונ הט אים געווינטשן א גוטע נאכט . אונ הט זיך אויך געלייגט שלאפן . אבר אז דר קאזאק פלעגט קומן . הט ער זיך אויך אריין געבויגן אין גרוב מיט דעם קאפ אונ הט אים געפרעגט . ישראל לעבסטו זאגט ער יוא . הט ער אים אן געשאלטן אונ הט אים צו געווינטשן אז ער זאל שון פון דארטן ניט ארויס ׃ דר ווייל איז די רענדארקע דארטן געלעגן געווארן אונ הט געהאט איין קינד . נאר ווייל עס איז געוועזן אן איין באבע הט דס קינד ניט לאנג געלעבט אונ איז דארטן געשטארבן ליגט שון דס קינד אויך דארטן . אונ דיא ווערעם עסין דס . אין עטליכע וואכן ארום דארף איין קינד פון די צוויי קינדר אויך שוואך ווערן אונ איז אויך געשטארבען אונ ליגט אויך אין גרוב . דיא זאך הט אזו געווערט עטך צוויי יאר . נאר דר שררה הט איינמאל געשיקט געווארן ווערן זיין יעקאנאם צו זיי לעבן אלע . הט ער געזעהן אז צוויי קינדר זענען טויט נאר ער מיט זיין ווייב אונ איין קינד לעבן נאך קאם קאם ׃

ויהי מקץ שנתים עס איז געוועזן סוף צוויי יאר . איז דר איוואן געקומן אויף דר אוסטראזשע צום גרוב דר נכרי איז געוועסן לעבן גרוב ביז ער הט געזעהן אז אין די פאלאצן איז שון פינצטער הט ער אריין געבויגן דעם קאפ אין גרוב אונ זאגט ישראל לעבסטו זאגט ער קאם קאם . פרעגט ער אונ די רענדארקע זאגט ער זי לעבט אויך , נאר קויםט דס אלעבן . זאגט דר איוואן הארך צו איך האב געמיינט ביז אהער אז דו אליין וועסט דיר געבן עפעס איין עצה אז דו זאלסט ארויס נאר איך זעה דאך אז דו טראכסט גאר ניט ארויס זיך מיט דיין ווייב . על כן זאלסטו וויסן אז איך האב אפ געטראכט פון אייערט וועגן איין עצה . נאר גאט זאל אייך העלפן אז מיין עצה זאל מקוים ווערן . פרעגט ר׳

ישראל אדרבא זאג מיר וואס האסטו ביי טראכט זאגט דר איוואן אזו. איך האב דיר געבראכט איין באנקע ברוינפען. אונ איך לאז זיא אראפ מיט איין שטריק, זאל די באנקע ברוינפען שטיין ביי דיר ביז עס וועט אום קומן די קאליע אוף דעם לאקאשען אונ אז ער וועט קומן אוף דר סטראזיע וועט ער דיך פרעגן לעבסטו. (ווארום די פרעג הט גמוזט יעדער נכרי פרעגן) זאלסטו זאגן יוא. אונ זאלסט אים פרעגן לאקאש וועסטו נעמן אביסעל ברונפען וועט ער דיר זאגן גיב. זאלסטו אים זאגן איך וועל געבן. נאר באופן דו זאלסט אביסעל טרונקען אונ מיר אפ געבן דם איבעריקע. אונ וויעדלוג ער איז איין שרעכטער וועט ער זיך צו נעמן די גאנצע באנקע. אונ וועט טרונקען ביז ער וועט שיכור ווערן אונ איך וועל שטיין אונטער דעם פארקען פון דעם הויף אבי ער וועט נאר אנשלאפען ווערן וועל איך קומן מיט איין שטריק אונ וועל איך ארוס נעמן אונ ביי מיר וועט שטיין איינגעשפאנט אפיר מיט דריי פערד אונ וועל איך אריבער פירן אבי איבער דעם שראנעס גרענעץ. אונ פון דארטען וועט איר זיך צו פארן ווייטער אבי איר זאלט בלייבן ביי אייער לעבן וועט אייך גאט העלפן צום לעבן:

וכן היה אונ אזו איז געווען. דר איוואן הט אריין גלאזט די באנקע ברונפען אין גרוב אריין מיט אשטריק. ר׳ ישראל הט זי צו גנומן אונ הט זי אנידר גישטעלט ביז לאקאש וועט קומן אין עטליכע נאכט ארום איז אן געקומן די טשערע אוף לאקאשען ער זאל זיין אוף דר איסטראזיע איז ער געקומן צו גיין. ער בייגט אריין דעם קאפ אונ פרעגט ישראל דו לעבסטו זאגט ער יוא (אונ דר איוואן איז ער שון אום גיגאנגן אונטער דעם פארקן הערן אונ זעהן וואס דא וועט זיין. אונ אין דר היים שטייט שון אין שטאל איינגעשפאנט איין עגלה מיט דריי פערד שטארקע). פרעגט דר רעגדאר דעם לאקאשען שלאפט מען שון אין די פאלאצן זאגט ער יוא וואס דארפסטו. זאגט ר׳ ישראל צו אים ווייסטו נוס איך וועל דיר זאגן. זאגט ער זאג. זאגט ער לאקאש מאטר ווילסטו אטרונק ברונפן זאגט ער גיב. זאגט ער יוא איך וועל דיר געבן די גאנצע באנקע זאלסטו טרונקען וויפיל דו ווילסט אונ דם איבעריגע זאלסט

מיר צוריק געבן . דר לאקאש הט אראפ גלאזט דעם שטריק : און ר' ישראל הט אים אן געבונדן די באנקע בראנפן און ער הט זי ארויף גנומן . דר לאקאש טראכט שון ניט אפ צו געבן דיא באנקע צוריק אונ הט אין זיך אריין גגאסן דעם ברונפן ביז ער איז אוף דעם ארט אנידר גפאלן און איז געבליבן שלאפן טויט שיכור אונ די באנקע שטייט לעבן אים . דר איוואן הט דר זעהן אז ער שלאפט שון אונ דר טאפעט גאנץ גוט איז ער גגאנגן צו צום גרוב אונ הט אראפ גלאזט איין שטריק . אונ זאגט אים ישראל בונד דיך ארום מיט דעם שטריק אונטר די הענט אונ איך וועל דיך ארויף נעמן . ר' ישראל הט אזוי גטאן ער הט אים ארויף גצוגן און לאזט נאך אמאל אריין דעם שטריק גענומט די רענדארקע אונ בונד זיך אויך ארום אונ זיי ביידע ציהען זי ארויס . דר איוואן גענומט זיי ביידע צו זיך אונ זיי האבן זיך ארויף גזעצט אוף דר עגלה . אונ ער הט זיי אוועק גפירט עטליכע מייל ביז איבר דעם שררות גרענעץ . אונ הט זיי געגעבן געלד נאך עטליכע קערבליך . אונ הט זיך מיט זיי אפ גזעגנט אונ ער איז גקומן ביז טאג אהיים אונ האט ארויס גלאזט די פערד גלייך ווי ער איז גאר גישלאפן א גאנצע נאכט אין דר חיים . דר רענדאר מיט דר רענדארקע מחמת גרוס פרייד האבן זיי פר געסן אז זיי האבן דארטן אין גרוב איבר גלאזט איין לעבידיק קינד . גאר זיי האבן שון בעסר ניט גקאנט מאכן . זיי זענען זיך וייטר פון דארטן אוועק גפארן אונ אוועג . אונ מהמתם הט זיי דר השי"ת גהאלפן :

ויהי בבוקר עס איז גקומן אין דר פריא די נכרים פון דארף האבען אן גהויבן צו גיין אויף דר פאנשטישנע.

זייא זעהן אז לעבן גרוב ליגט לאקאש שיכור אונ שלאפט אונ איין האלבע באנקע מיט ברונפן שטייט לעבן אים . דיא נכרים זענען גגאנגן צום פקוד. אונ יאווען אים דיא זאך . דר פקוד לופט ארוס זעהט ער אז ער ליגט האלב טוט. מען וועקט אים מען רייסט אים מען קאן אים ניט דר וועקן . דר ווייל איז דר שררה אוף גישטאנען . איז גגאנגען דר פקוד אונ הט דעם שררה גראפאטירט . אז דר סטראז לאקאש ליגט לעבן דעם גרוב שיכור און איין האלבע באנקע ברונפען שטייט

לעבן איט ; דר שרה גייט אליין אונ זעהט ווי ער איז טויט שיכור מען רייסט אים אבר מען קאן אים ניט דר וועקין . דר שרה לאזט אים שלאפן ביז ער האט זיך אוס גישלאפן . דר שרה הט גשאפט מען זאל אריין גיין אין גרוב אונ זעהן וועהר דארט איז דא . מען האט גזעהן איז מיין ניטא נאר איין קליין יונגעל . מען האט דאס יונגעל ארוס גנומן . דר ווייל איז דר לאקאש אוף גישטאנן . דר שרה האט גשוקט צו נוף רופן אלע לייטישע נכרים אונ האט גהייסן זייא משפטן דעם לאקאשן . דר איוואן זאגט ליבר שרה ווען עס זאל זיין אוף מיין סאד . וואלט איך אים גהייסן דיא הויט ארויס נעמן . היתכן . מארגן וועסטו אים שטעלין צו דיא מאגעזאנים . אונ איינר וועט קומן מיט איין קווארט ברונפען . וועט ער אים אריין לאזן אין מאגיזאן אונ ער זאל זיך צו נעמן אין גאנצן ווס דארטן איז דא . בקיצור מען הט דעם לאקאשען אפ גגעבן זיין משפט . דם יונגילע שטייט . פרעגט דער שרה דיא גראמאדע וואס טוט מען מיט דעם יונגעל . רופט זיך אן איוואן ליבער שרה . אזויא וויא דיא ווייסט אז איך האב ניט קיין קינדר . בעט איך דיך שענק מיר אים אוועק אונ איך וועל אים אום תאווען וועט ער זיין מיין זין . אונ איך וועל קאנן מיט אים אפ קומען איין פיינשטשיזנע . אונ ער וועט זיין ביי מיר דר גאנצר בעל הבית . דעם שרה איז זייער גפעלן . אונ האט אים אפ גגעבן צו דעם איוואן . ער איז גוועזן בייא אים איין צייט . ער הט ביי אים גפאשעט פריר קליין וואַרג דר נאך הט ער שון אן גהובן צוא פאשן די אקסען :

ויהי ליומים . עס איז גקומן אין איין צייט ארום ; דם יונגעל פאשעט די אקסען . אונ האט זיך גדארפט צו קרוגען מיט איין אנדר בן נכרי האט יענר אים אום גווארפן אונ זאגט אים דו ביסט איין יוד (זיד) דם יונגעל קומט אהיים . אונ זעצט זיך אנידר אין דרוסען אונ וויינט . דיא מאמע דיא נכרית רופט אים אריין אונ זאגט זינא קום עסן ער וויל גיט גיין . בקיצור דר פאטר איוואן איז גקומן אהיים פרעגט

ער אים וואס ווינסטו. זאגט ער. דער אונ זיר נכרי האט אים גזאגט אז ער איז איין יוד דר איוואן זאגט אים הער ניט וואס ער זאגט. דוא ביסט מיין קינד אונ איך בין דיין טאטע. אונ דס איז דיין מאמע. ער איז גגאנגן עסן. אין אצייט ארום צו קריגט ער זיך נוויטר מיט איין פאסטך. ווארפט ער אים אוך אום דוא ביסט איין יוד סימן דוא ביקט גימלת. דס יונגעל קוקט זיך צו זעהט ער אז ער איז טאקע גימלת. איז ער גקומן אהיים. אונ האט זיך גוט צו וויינט ניט אנדערש זאגט מיר פאר וואס ביי קיין שום נכרי איז ניט אזו ווי ביי מיר. אסך צו ריידן פאסט ניט. דר איוואן האט דר זעהן אז עס ציהט אים צו זיין שורש. זאגט דר איוואן צו אים. שא מיין קינד איך וועל דיר זאגן דעם אמת. נאר זאלסט קיינם ניט דר ציילן. אמת דוא ביסט איוד. אונ קומסט ארום פון יודען. נאר וואס מיט דיר איז דיא מעשה קאן איך דיר ניט דר ציילן מחמת דוא ביסט ביי מיר. נאר איך וועל שון זעהן ביי טראכטן אז דו זאלסט זיין איין יוד. אזו ווי דיין טאטע מאמע. אונ איז ארובר גגאנגן צום שררה אונ זאגט אים אזו. ליבר שררה איך האב צו גנומן דאס יונגעל. איך האב גמיינט אז איך וועל פון אים האבן איין פאמאטץ. נאר ווי איך זעה איז אמת וואס לייט זאגן. חאדראווע אוואלף אונ ער קוקט אין וואלד ארייין. אזו איז דס מען הט אים גזאגט אז ער איז איוד ליגט אים שון דס אין קאפ. על כן נעם דיר אים צו אונ ער זאל זיין בייא דיר איין לייב דינער ער זאל דיר פיצן דיא שטיוויל אוך דיינע מלבושים אונ ער וועט תמיד זיין לעבן דיר וועט ער זיך ניט קרוגן מיט קיינעם. אין איטליכר וועט מורא האבן אים צו זאגן יוד. ביז ער וועט פר געסן וום מען הט אים גזאגט יוד. דעם שררה איז דס גפעלן וום איוואן הט אים גזאגט אונ הט צו גנומן ביי אים דם יונגעל אונ הט אים גהייסן מאכן לאבעריע אונ ער איז גוואקסן ביי אים זיינם אלייב קנעכט. אונ ער הט אים אפ גגעבן זיין עובדא צו פיצן די שטיוועל אוך אלע מלבושים אלע נאכט אז אין דר פריא זאלן זיי שיין זיין גפוצט. בשעת אז דם יונגעל דס קנעכטיל איז אוועק גגאנגן פון איוואנן.

הָט עֶר אִים אַזוֹ אָן גְזָאגְט . דוּ זַייא אִין הוֹף בִּיז אִיךְ וָועל דִיר הֵייסֶן קוּמֶן צוּ גֵיין וָועט זַיין רֶעכְט . דָס קְנֶעכְטִיל אִיז אַוֶועק גְוֶוען אִין הוֹף אַיין עֶרֶךְ אַיין הַאלְבּ יָאר . דֶר אִיוַואן זָאגְט צוּ אִים הֵיינְט אוּן דֶר נַאכְט זָאלְסְטוּ דֶעם שְׂרָרָה גוּיִים פּוּצֶען אַלֶע זַאכֶן . אוּנ אַז עֶר וָועט זִיךְ שׁוֹן לֵייגֶען שְׁלָאפֶן זָאלְסְטוּ קוּמֶן צוּ מִיר ; וָועט שׁוֹן רֶעכְט זַיין :

כַּךְ הָוָה אַזוֹ אִיז גְוֶוען . עֶס אִיז גְקוּמֶען דִיא נַאכְט דָאס יוּנְגֶעל דֶער לֵייבּ קְנֶעכְט הָאט דֶעם שְׂרָרָה אוֹם גְטָאן דִיא שְׁטִיוִויל אוּךְ אַלֶע מַלְבּוּשִׁים . אוּנ דֶער שְׂרָרָה הָאט זִיךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפֶן עֶר הָט גְנוּמֶן אַלֶע זַיינֶע זַאכֶען אוּנ הָט אִיבֶּר גְפּוּצְט אוּנ הָט זַיי אַנִידֶר גְלֵייגְט אוֹף זַיין טִישׁל וָוס לֶעבֶּן זַיין בֶּעט אִיז גִישְׁטַאנֶען . אוּנ אַרוּם הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז עֶר אַוֶועק גְגַאנְגֶען צוּ אִיוַואנֶען . בַּיי דֶעם אִיוַאן אִיז שׁוֹן גְוֶוען גִישְׁפַּאנְט דִי פִּיר גְרֵייט פוּן תְּחִלַּת הַרִיגָה וִוי דָס יוּנְגִילֶע אִיז גְקוּמֶן צוּ גֵיין . הָט עֶר אִים אַרוּף גְחַאפְּט אוֹף דֶעם וָואגֶן . אוּנ אִיז מִיט אִים אַוֶועק אוּךְ אִיבֶּר דֶר גְרֶענִיץ אוּנ עֶר הָט אִים דֶר צֵייְלְט אַז עֶר הָט זַיין פָּאטֶר אוּנ מוּטֶר אוּךְ אַרוֹס גִיגַנְבַת פוּן דֶעם גְרוּבּ אוּנ הָט זַיי דֶעם גְרֶענִיץ אַרִיבֶּר גְפוּרְט . אַז עֶר הָט אִים דֶעם גְרֶענִיץ אַרִיבֶּר גְפוּרְט . הָט עֶר אִים צוּ גְפוּרְט צוּ אַיין שְׁטֶעטִיל . אוּנ זָאגְט אִים אָהֶן אַז דוּ זָאלְסְט אַרֵיין גֵיין צוּא אַיין יוּדֶען . אוּנ זָאלְסְט אִים זָאגֶן אַז דוּ בִּיסְט אַיוּר אַסִימֶן אִיךְ בִּין גִימָלַת . אוּנ נַאר צְוֵויי קֶערְבְּלִיךְ מֶען זָאל דִיר קוֹפֶען יוּדֶעשֶׁע קְלֵיידֶר אוּנ מֶען זָאל דִיךְ אַוֶועק שִׁיקֶן וַוייטֶער . בְּקִיצוּר מֶען הָט אִים גְשִׁיקְט פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט בִּיז עֶר אִיז אָן גְקוּמֶן קֵיין זְלָאטְשִׁיב . צוּ הָרַב הַצַּדִיק יְחִיאֵל מִיכַל זללה״ה . דֶער צַדִיק הָט דָס יוּנְגֶעל דֶר זֶעהֶן . אִיז עֶר אִים זֵייעֶר גְפָעלִין . אוּנ הָט אִים אָפּ גְגֶעבֶּן צוּ אַיין מְלַמֵד . דֶר מְלַמֵד הָט אָנְגְהוֹבֶּן מִיט אִים צוּ לֶערְנֶען . עֶר הָט גְלֶערִינְט עֶרֶךְ דְרַיי יָאר עֶר אִיז גְוָואֶרן אַיין לַמְדָן חָם דִי שְׁטָאט הָט מִיט אִים גִיקְלִינְגֶען . דָס יוּנְגֶעל אִיז חָשׁוּב גְוֶוען בַּיי דֶעם רַבִּי ר׳ מִיכָל ז״ל . אַז וִוי דָם שְׁוַוארְצֶע אֶפֶעל פוּן אוּנ אוּנ עֶר הָט פוּן זַיינְט וֶועגֶן צוּ גִיקְלִיבֶּן מְכַבְּדִים תַּרִיסִים וּבְקִיאִים . עֶס הָט אִים גְקָאסְט אַסַךְ דִי מְלַמְדִים . עֶר אִיז אֶלְט גְוָוארְן דְרַייצְעהְן יָאר עֶר דָאךְ

שוין ווערן בר מצוה. דענצמאל איז ער שון קלאר געווען אין ש"ס בבלי. ירושלמי. ספרא ספרי. תוספתא. מכילתא. דר רבי הקדוש הט גמאכט איין גרויסע סעודה. אונ דם יונגל הט גזאגט אחילוק עס הט גבראכן מוחות. ער האט אבר נאך גדארפט לערנן אזו פלערלייען וואס ער מוז האבן איין רבי. הט אים דר היילגער צדיק גשיקט קיין בראד. אונ מען הט גבראכט איין מלמד איין גרוסן חריף. אונ הט מיט אים נאך גלערינט איין יאר. אז ער איז אלט גוואוען פופצעהן יאר הט דר היילגר צדיק אן גהובן אליין מיט אים צו לערנן (חכמת אמת) דאס הייסט קבלה ספרים וויל זיין מוח איז געוועען זעהר גרוס. הט ער די חכמת משיג געווען ווי איינר פון די אלטע מקובלים. הט דר צדיק מיט אים עוסק געווען צוויי יאר אין קבלה. אז ער איז שון אלט געוואן זיבצעהן יאר. הט אים דר רבי ארין גרופן אונ זאגט אזו. דו ביסט שון זיבצעהן יאר אונ דיא משנה זאגט. בן שמונה עשרה לחופה. איין גאון ביסטו אין נגלה אוך אין נסתר. נאר אזו ווי דו האסט אציים יארן גגעסן טריפות. ע"כ בארפסטו דם יאר פראווין גלות. דו זאלסט גיין אגאנץ יאר. ווי דו וועסט טאגן. זאלסטו ניט נעכטיגן. אונ ווי דו וועסט נעכטיגן זאלסטו ניט טאגן. דעם בחור הט זיך בוודאי ניט גגלוסט אוועק פון דעם צדיק. אונ ווידר ער ווייסט גאר ניט ווי צו גיין. ער איז קיין מאל ניט גפארן. אונ מכל שכן גיין צו פוס. נאר וואס זאל ער טאן אז דר רבי הייסט אזו. אוף איין טאג הט דר רבי גמאכט איין סעודה. אונ האט צו נוף גרופן אלע פאר נעמסטע מענשן. אונ דר בחור הט גזאגט תורה אונ נגלה אונ נסתר. דר צדיק הט זיך מחיה געווען אז ער הט מעמיד געווען פון אזו איונגל אבני שלמה. דר בחור האט זיך מיט אלע אפ גזעגינט. אונ דר רבי הט אים אום גקלייד אונ הט אים גמאכט כלי גולה. אונ הט זיך אנגהובן מיט אים גזעגינן. אונ זאגט אים אן. אז ער וועט ארוס גיין פון שטאט זאל ער גיין קיין מזרח זייט דם גאנצע יאר וואס ער וועט גיין זאל ער אלץ גיין קיין מזרח זייט אונ ווי ער וועט טאגן זאל ער ניט נעכטיגן. דעם גאנצן וועג פון אגאנץ יאר. זאל ער גיט ווייזן זיך אז ער קאן עפיס לערנן. נאר דם זאלסטו האבן

דעם סימן אז עם איז אום גגאנגן שון דם יאר . אז דו וועסט קומן אין איין אורט אריין אונ מען וועט דיך בעטן אז דוא זאלסט דארטן בלייבן . אונ אפשר וועט מען דיר דארטן וועלן געבן אווייב . זאלסטו צו שטיין אונ דארטן בלייבן . אונ הט אן גשריבן איין קוויטיל . אונ הט אים אריין גלייגט אין זכנפה פון די ציצית אונ הט אים אליין פר גייט . אונ הט אים אן גזאגט . אז דארטן ווי דו וועסט חתונה האבן זאלסטו קודם החופה נעמן יענעם רב . אונ דיא אונטר פירערם . אונ זאלן אוף טרענן די כנפה אונ איבר לייענן דם קוויטל . אונ גזעגינט זיך שון מיט אים אפ . אונ דר היילינר צדיק האט אים מיט מענשן ארום בגלייט ביז אין דר בראם אונ הט אים גבענשט , אונ ער איז אוועק גגאנגן זיין וועג . אונ דר צדיק מיט די מענשן האבן זיך אומגקערט אין שטאט אריין . דר בחור איז גגאנגן איבר דעם וועג . אונ האט זייער גוט גוויינט אונ פלעגט אלע טאג זאגן על חטא ווייל ער איז אצייט גוועז צווישן נכרים אונ הט געגעסן טריפות . ער איז אזו גגאנגן ווי דר צדיק הט אים אן גזאגט . אונ וויא ער הט גטאגט האט ער ניט גנעכטיגט . דעם גאנצן וועג הט ער זיך ניט גוויזן אז ער קאן עפים לערנן נאר ווי איין פראסטר מענש . אונ אזו איז ער גגאנגן איין גאנץ יאר :

ויהי לשמונה עשרה שנה אז עם איז גקומן די צייט אז ער הט גדארפט ווערן שון אכצעהן יאר . אין די צייט איז גוועזן אום ווינטר איז ער אן גקומן אין איין דארף אוף דר נאכט וואס דארטן איז גוועסן איין רענדאר אריכר אונ איין ערליכר יוד . אונ הט גהאט שיינע קינדר וועלכע זיי האבן גקאנט לערנן אונ זענן גזעסן אונ האבן גלערינט טאג אונ נאכט . דר בחור איז אריין גקומן אין דר קרעטשמע געבעך זעהר פר פרוירן . עם איז אבר גוועזן אפולע קרעטשמע מיט נכרים זאגט דר רענדאר יונגר מאן געה זיי מוחל אוף דעם אונטערשטן טוואר איז דארטן דא איין שטובל דארטן זיצן מיינע קינדר אונ לערנן . אונ דארטן איז גאנץ ווארם נעמסטו זיך דארטן אפ רוען אונ גוט אום ווארעמן . דר בחור איז גגאנגן אין שטיבל אריין ער קומט אריין זעהט ער אז עם איז זעהר שיין אונ ווארעם . אשאפע מיט ספרים שטייט . אונ צוויי יונגע לייט זיצן אונ

לערנן זעהר גשמאק זיי האבן גאר ניט איין גזעהן ווי ער איז
אריין גגאנגן . ער האט זיך גזעצט לעבן דעם רבי . ער האט
זיך גאר מחיה גוועזן . אונ ווייל ער איז גוועזן זעהר מיד האט
ער זיך אויף דר באנק צו גלייגט . ווי ער ליגט אזו הערט ער
ווי זיי זענן זיך מפלפל אין א שמועס גמרא . אבר זיי קאנן
ביידע ניט . האט ער זיך שון ניט גקאנט איין האלטן . אונ
זאגט אוי גוואלד וואס רעדט איר . איר זענט ארויס גקראכן פון
דעם אמתן פשט . דריבר קאנט איר ניט . זיי האבן דר הערט
איז ביי זיי אין הארצן גוועזן איין גלעכטר אפוס גייער זאגט אז
זיי קאנן ניט . זיי גיבן אים שלום . אונ זאגן אים אדרבא זאג
דו דעם פשט . ער האט זיי גזאגט האבן זיי מודה גוועזן אז דר
אמת איז אזו . עס איז גקומן דיא צייט פון וועטשירע איז
אריין גקומן דר משרת רופן זיי עסן . האבן זיי דעם בחור אויך
גרופן עסן מען האט אים מכבד גוועזן מיט א טרונק בראנפן .
די יונגע לייט האבן זיך מיישב גוועזן אונ זאגן דעם פאטר אזו
ווי דר בחור איז נעביך אפ גריסן אונ עס איז היינט ווינטר .
טאמר וואלט מען אים איין גבעטן אז ער זאל לערנן מיט
אונזר קליין ברודרל . דארף ער לערנן אין שטאט אונ זאל
נעבך רעדן אין דחקות ביי דעם מלמד . זאג אים צו עטליכע
קערבליך . אונ אז ער וועט לערנן מיט אים צוויי שעה אין
טאג איז בעסר וויא דר מלמד וועט מיט אים לערנן אגאנצן
טאג . דעם פאטר איז דיא זאך זעהר גפעלן . ער בעט דעם
בחור אונ רעדט אים איין . דארפסטו זיך שלעפן אויף דר וועלט
אונ אום ווינטר . בלייב ביי מיר וועסטו לערנן מיט מיין קינד .
אונ איך וועל דיר ערליך בצאלן . דר בחור האט זיך דר מאנט
אז דר רבי האט אים גזאגט דארטן וויא מען וועט אים בעטן
זאל ער בלייבן . דרום איז ער מרוצה גווארן ער זאל לערנן
מיט דעם קליינם יונגל . דר פאטר איז אין דר פריא אין שטאט
אריין אונ האט דעם מלמד גשענקט עפיס אונ האט דס יונגל אפ
גנומן אהיים אונ ער האט מיט אים אנגהויבן צו לערנן . די יונגע
לייט האבן דר הערט ווי אזו ער לערינט מיט דעם יונגל . האבן
זייא גקוואלן . אויף דר אנדרע נאכט זיצט דר בחור ביא דעם
אובן אונ ווארימט זיך . אונ דיא יונגע לייט האבן זיך גזעצט

לֶערְנֶען פּוֹסֵק . יוֹרֶה דֵעָה אָדֶר שַׁ"ךְ . אוּנ עֶר הָערְט אוֹיְן וֵוייניג וְוִי זַיי לֶערְנֶען . זַייא זֶענֶען גְקוּמֶען אוּף אַיין אוֹרְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פַּר הַאקְט אוֹיךְ מַחְמַת זַיי הָאבֶּען שְׁלֶעכְט גְלֶערִינְט דֶעם פְּשַׁט אִיז זַיי קָשֶׁה גְוָוארֶן קֻשְׁיוֹת (זֶה אוֹמֵר נָכֹה וְזֶה אוֹמֵר בְּכֹה) דֶר זָאגְט אַזוֹ אוּנ דֶר עֶנְפֶרְט אַזוֹ אוּנ עֶס אִיז פָּארְט נִיט גוּט . אוּנ עֶר הֶערְט אַלְץ . עֶר קָאן נִיט אוֹס לַייְדֶען . אוּנ זָאגְט צוּא זַיי אוֹיו בְּלָאנְזֶעט אִיר אָבֶּר גָאר מִיאוּם . דֶר פְּשַׁט אִיז אַזוֹ אוּנ אַזוֹ . דִי הָאבֶּען דֶר הֶערְט וָואס עֶר זָאגְט זַיי . הָאבֶּען זַייא אִים גְבֶּעטֶען אַדְרַבָּא זָאג דִיא וִויא אַזוֹ אִיז דֶער פְּשַׁט . עֶר אִיז אֲפִילוּ נִיט צוּא גְגַאנְגֶען צוּם טִישׁ . אוּנ הָאט זַייא אוֹסְוֵוייניג גְזָאגְט . זַייא הָאבֶּען דֶער הֶערְט . אַז עֶר אִיז אִין פּוֹסֵק אוֹיךְ קְלָאר . הָאבֶּען זַייא אִים צוּא דֶער וֶועטְשִׁירֶע נָאךְ שֶׁענֶער מְכַבֵּד גְוֶועזֶן וָוארוּם זַייא הָאבֶּען פַּאר שְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן אַסַךְ בֶּעסֶר לֶערְנֶען פוּן זַיי . אוּנ זַיי וַוייסֶען נָאךְ גָאר נִיט וָוס לֶערְנֶען בְּטַייט . זַיי זָאגֶען דֶעם פָּאטֶר שְׁטִילֶערְהַייט דוּ זָאלְסְט וִויסֶען אַז עֶר קָאן אַסַךְ בֶּעסֶר לֶערְנֶען פוּן אוּנְז . עֶר אִיז קְלָאר אִין פּוֹסֵק אוֹסְוֵוייניג . לָכֵן זָאלְסְטוּ בַּיי דֶר וֶועטְשִׁירֶע מִיט אִים רַייְדֶען אַז עֶר זָאל מִיט אוּנְז לֶערְנֶען בְּתוֹרַת חָבֵר אוּנ דֶר פַּר וֶועסְטוּ אִים גֶעבֶּען דְרַייסִיג קֶערְבְּלִיךְ . אוּנ אוּנְזֶער קְלַיין בְּרוּדֶערִיל וֶועסְטוּ אָפּ פִירֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין . אַזוֹ אִיז גְוֶועזֶן דֶר רוּנְבַּאר הָט בַּיי דֶר וֶועטְשִׁירֶע אָן גְהוֹבֶּען צוּ רַייְדֶען מִיט דֶעם בָּחוּר . אוּנ זָאגְט אַז גָאט הָט מִיר צוּ גְשִׁיקְט אַזוֹ אַיוּנְגֶען מַאן וָוס קָאן מִיט מַיינֶע קִינְדֶר לֶערְנֶען בְּתוֹרַת חָבֵר . אִיז פַּר דִיר אוֹיךְ גְלַייכֶער דוּ זָאלְסְט בְּלַייבֶּען בַּיי מִיר , דוּ וֶועסְט בְּלַייבֶּען בַּיי לֶערְנֶען . אוּנ מַיינֶע קִינְדֶר וֶועט אוֹיךְ זַיין אַטוֹבָה . אוּנ דֶר פַּר גִיבּ אִיךְ דִיר דְרַייסִיג קֶערְבְּלִיךְ בִּיז אִין דֶעם סוֹף זְמַן . אוּנ עֶסֶען אוּנ טְרוּנְקֶען אוּף דֶעם שֶׁענְסְטֶען אוֹפֶן מִיט אַיין שַׁיינֶע קַאפָּאטֶע אַז עֶס זָאל זַיין שַׁיין פַּר מִיר מִיט מַיינֶע קִינְדֶר . דֶר בָּחוּר הֶערְט דָס . עֶר אִיז מְרוּצֶה גְוָוארֶן דֶר צוּ אוֹיךְ מֶען הָט אִים תֵּיכֶף אָן גְטָאן שַׁיינֶע קְלַיידֶר . אוּנ זַיי לֶערְנֶען שׁוֹן אִין אַיינֶם בְּתוֹרַת חָבֵר . אוּנ דָס קְלַיינֶע יוּנְגֶעל הָט דֶר פָאטֶר אָפּ גְפִירְט אִין שְׁטָאט אַרַיין צוּ דֶעם אַייגִינֶעם מְלַמֵד . אַז דֶר בָּחוּר הָט אָן גְהוֹבֶּען מִיט זַיי צוּ לֶערְנֶען הָאבֶּען זַיי קְלָאר אַרוּם גְזֶעהֶען

אז ביז אהער האבן זיי גאר ניט געוויסט וואס לערנן איז. ער האט זייא אויף געפינט דיא אויגען מיט דעם שכל. זייא געהן צום פאטער אונ דאנקן דעם פאטער פר וואס ער הט זיי געגעבן אזו אחבר. זיי האבן אפ געלערינט די גאנצע וואך, עס איז געקומן פרייטאג נאך האלבן טאג. ווען די יונגע לייט גפארן אין מרחץ אין שטאט אריין זיי האבן דעם בחור אויך געבעטן ער זאל מיט זיי פארן אבר ער הט ניט געוואלט. אויף דעם אנדערן פרייטאג ווען זייא אויך געפארן אין שטאט אריין פרעגט ער די יונגי לייט איער רב פון שטאט קאן עפיס לערנן. זאגן זיי מסתמא אז ער איז איין רב קאן ער בוודאי לערנין. זאגט ער איך וועל מאכן איין פרוב. אונ הט גנומן דעם יורה דעה אונ הט מיט זיי געלערינט די זאך. אונ הט געוויזען איין קתירה דס הייבט איין דר ווידר פון איין שטיקעל ש"ך אויף דעם אנדערן, אונ דס זאלט איר ווייזען דעם רב. גאר ער וועט אייך בוודאי ענטפערן אזוי אתירוץ. זאלט איר אים אזו אפ פרעגן. וועט ער אייך אזו ענטפערן זאלט איר אים אזו אפ פרעגן. אונ אז ער וועט שון קיין אנדערן תירוץ ניט האבן. זאלט איר אים זאגן דעם תירוץ אזו. אונ הט זיי גוט קלאר געמאכט אז זיי זאלן ניט בלייבן אין מיטן שטיין:

וַיִסְעוּ מִכְּפַר לָעִיר אזו איז געווען זיי זענן אוועק גפארן אין שטאט אריין אין מרחץ אונ זענן אריין גיגאנגן צום רב דר רב הט דר זעהן די יונגע לייט הט ער זיי גאנץ שיין צו גנומן. איינס מחמת זייער פאטער איז אגרויסר נגיד. צווייטענס זיי זענן אליין שיינע יונגע לייט. ובפרט זיי זיצען אלץ לערנען (יומם ולילה) טאג אונ נאכט. דר רב הט זיי מכבד געוועזן מיט משקה אונ פר ביסן. דר נאך זאגן די יונגע לייט צום רב. רבי מיר האבן אייך עטוואס צו פרעגן אין יורה דעה זאגט ער פרעגט קינדערליך. זיי האבן אים געוויזן אונ האבן אים גפרעגט די (סתירה) דעם ווידר אנאנדר. ער הט מעיין געווען אין דר זאך אונ גענטפערט זיי אתירוץ אזו ווי דר בחור הט אין דר היים גזאגט. האבן זיי אים אפ גפרעגט. הט ער זיך גמוטשעט. אונ הט אנדרש פר ענטפרט. האבן זיי אים ווייטער אפ גפרעגט. ער הט שון קיין אנדערן

תּירוץ ניט גהאט. זאגט דר רבּי אָפשר האָט איר עפּיס איין תּירוץ. זאָגן זיי אונז דאכט זיך אַז אַזוי איז דר פּשט אונ האָבּן אים גזאָגט. דר רב האָט דר הערט דעם תּירוץ. זאָגט ער זיי קינדערליך איך קאָן אייך גאַנץ גוט. איך פר שטייא אַז די קשיא איז ניט אייער. אונ דר תּירוץ איז בּוודאי ניט אייער לבן בּעט איך אייך איר זאָלט מיר זאָגן וועמעס שׂכל איז דרונגן אַזוי צו פרעגן אונ אַזוי צו פר ענטפערן אונ ווער איז דר מענטש. זיי האָבּן אים ניט גוואָלט זאָגן מחמת זיי האָבּן פר אים מורא גהאט טאָמער וועט ער זיך בּייזערן. דר רב האָט אויף זיי גוזר גוועזן בּגזירת הרב זיי האָבּן אים גמוזט זאָגן. האָבּן זיי אים דר ציילט אַז עס איז צו זיי גקומען איין אָרומער בּחור. אונ זיי האָבּן אין אים דר שמעקט אַז ער קאָן גוט לערנן האָבּן זיי אים פר האַלטען בּיי זיך אַז ער זאָל לערנן מיט זיי בּתורת חבר. האָט ער אונז אוס גלערינט ווי אַזוי צו פרעגן. אונ נאָך צו ענטפערן אונ ווי אַזוי דר אמתר פּשט איז. אַז דר רב האָט דאָס דר הערט האָט ער זיי גבּעטן אַז איבּער אַכט טאָג פרייטאָג זאָלן זיי אים בּרענגן אין שטאָט אַריין. ער וויל מיט אים איבּער ריידן אין תּרומות ומעשׂרות וועלכעס עס איז אים קשה אונ ער האָט ניט מיט קיינעם די זאַך איבּער צו ריידן. אונ וועדלוג ער פר שטייט איז ער איין שטאַרקער חריף ובקי. וועט ער מיט אים די זאַך ריידן. די יונגע לייט האָבּן אים צו גזאָגט אַז זיי זאָלן אים בּרענגען אין שטאָט אַריין. די יונגע לייט זענען גקומען אַהיים פון מרחץ. זיי האָבּן אים דר ציילט אַז ער האָט אַקעראַט גענפערט אַזוי ווי ער האָט גזאָגט. אונ דר נאָך האָבּן זיי אים גזאָגט אייער תּירוץ איז אים זייער געפעלן. אונ ער האָט אויף אונז גוזר גוועזן בּגזירת הרב אַז מיר זאָלן אים זאָגן (מי הוא זה ואי זה הוא) ווער איז דר מענטש וואָס האָט אַזוי אמוּת אַזוי צו פרעגן אונ אַזוי צו ענפערן. האָבּן מיר גמוזט זאָגן. האָט ער גבּעטן אַז איר זאָלט אַנדערש ניט טאָן נאָר איר זאָלט פרייטיג קומן מיט אונז צו פאָרן אין שטאָט אַריין. ער וויל מיט אייך איבּער ריידן אין לערנן וועלכעס ער קאָן מיט אַנאַנדערן דיא הלכתא ניט ריידן. ענפערט דר בּחור איך וועל אים צו ליבּ

פָאן אוּנ וָועל אי״ה פְרַייטִיג פָארְן · עֶס אִיז גְקוּמֶן פְרֵייטָאג זָאגְן דִי יוּנְגֶע לייט צוּם פָאטֶר אַזוֹ וִוי דֶר רָב הָט גְבֶּעטֶן אַז מִיר זָאלְן בְּרֶענְגֶן דֶעם בָּחוּר צוּ אִים. אוּנ דֶר צֵייגְן אִים אַז דָס וָוס עֶר הָט גִיפְרֶעגְט הָט דֶר רָב נִיט גְוִויסְט. עַל כֵּן ווילְן מִיר אוֹךְ פָארְן מִיט אִים לָאמָר הֶערְן וָוס דָארְטֶן וֶועט זַיין · לָכֵן זָאלְסְטוּ אוּנְז הַייסֶן אַיין שְׁפַּאנֶן דִי גְרוֹסֶע נַאטְשַׁאנְקֶע מִיט דְרַייא פֶערְד אַזוֹ וִוי אוּנְז שְׁטַייט אָן · דֶר רֶענְדַאר הָט בַּאלְד גְשַׁאפְט מֶען זָאל שְׁפַּאנֶען דִי נַאטְשַׁאנְקֶע מִיט דְרַייא פֶערְד אוּנ זֶענֶן אַוֶועק גְפָארְן · זַיי זֶענֶן גְקוּמֶן אִין שְׁטָאט אַרַיין זֶענֶן זַיי פַר פָארְן גְלַייךְ צוּם רָב · דֶר רָב גִיט אִים שָׁלוֹם אוּנ רֶעט מִיט אִים זַיינֶע שְׁאֵלוֹת וָוס עֶר הָט גְהַאט צוּ רֵייְדְן · דֶר פַר עֶנְטְפֶערְט אִים יֶעדֶער זַאךְ אוּנ וַוייזְט אִים אוֹס פוּן סְפָרִים אַז דֶר אֱמֶת אִיז אַזוֹ:

וַיֵּשֶׁב הָרַב כְּמִשְׁתּוֹמֵם דֶר רָב אִיז גִיבְּלִיבֶּן זִיצְן · עֶר וִוינְדֶערְט זִיךְ וִוי הָט זִיךְ גְנוּמֶן צוּ אַמֶענְטְשׁ אַזַא טוֹח · אוּנ אַזַא קְלָארְן שֵׂכֶל דֶער וַוייל גֵייט דֶר בָּחוּר צוּ צוּ דֶר שַׁאפֶע פוּן סְפָרִים אוּנ דֶר זֶעהֶט קַבָּלָה סְפָרִים · פְרֶעגְט עֶר דֶעם רָב · אִיר הָט עֶפִּ׳ס אַיין יְדִיעָה אִין קַבָּלָה סְפָרִים זָאגְט עֶר אִבִּיסְל · עֶר טוּט אִים אִין דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָט אַרוֹס גְנוּמֶען פוּן דֶר שַׁאפֶע אַפְרֶעג אַזַאךְ עֶר זָאגְט אָבֶּר נִיט אֱמֶת · הָאט דֶר בָּחוּר אִים גְזָאגְט הָט עֶר גְוִויסְט אִין דֶעם לֶערְנֶן פוּן קַבָּלָה אַזוֹ וִוי אַגְרוֹסֶר מְקוּבָּל דֶר רָב קוּקְט אִים אָן · וִוי הָאט זִיךְ גְנוּמֶן צוּ אַיין מֶענְטְשֶׁן אַזַא קָאפּ אִין נִגְלֶה אוֹךְ אִין נִסְתָּר · דִי יוּנְגֶע לַייט זִיצְן אוּנ הֶערְן וִויא דֶר בָּחוּר אִיסְפְּרַאוֶועט זִיךְ סַייא אִין נִגְלֶה סַייא אִין נִסְתָּר · (בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ) וִוי זַיי רֵייְדְן אַזוֹ · אִיז דֶר רָב אַרוֹס גְגַאנְגֶן פוּן דֶר סַאלֶע אִין אַיין קָאמְנַאט אַרַיין אוּנ הָט זִיךְ נִיט פִיל גְזָאמְט אוּנ אִיז אַרַיין גְקוּמֶן · דֶר רָב אַלֵיין אִיז אוֹךְ גְוֶועְן אַיין גְבִיר · אוּנ הָט מֶיין נִיט גְהַאט נָאר אַיין בַּת יְחִידָה · אוּנ זִי אִיז גְוֶועְן אַיין שֵׁיינֶער פַארְשׁוֹן · אוּנ אַנִילֶערֶענְטֶע · וִוי זַיי זִיצְן קוּמְט אַרַיין צוּ גֵיין דִי בַּת יְחִידָה אוֹס גְצִירְט מִיט אַלֶע תַּכְשִׁיטִים אוּנ טְרָאגְט אַרַיין מַשְׁקֶה מִיט פַר בַּייסֶן · דִי יוּנְגֶע לַייט אִיז קָשֶׁה גְוָוארְן ·

ווי קומט דס אז א בתולה זאל זיך אום ציהן איידר מען פר רוקט צאלענט . זיי האבן צו נישווייגן . אונ זענן אהיים גפארן . דיא יונגע לייט דר ציילן דעם פאטר דיא גאנצע מעשה ווי אזו ער איז איין גאון אין נגלה אוך אין נסתר . אונ זאגן דעם פאטר אונז געפעלט אז דס ווס די בתולה דעם רבס הט זיך אזו פרי אום גצירט . איז ניט אנדערש דר רב וויל אים בוודאי נעמן פר איין איידעם . על כן איז אונזער דעה . אזו וויא מיר האבן איין שוועסטר אין דיא איינגע יארען וואס דעם רבס בתולה , אין דיא קאנסט אים געבן נדן אזו ווי דר רב . על כן זאל מען שבתות צו נאכט מיט אים ריידן . אונ מען זאל דס שוועסטירל אוך שיין אום ציהן . אונ מען זאל זעהן מיט אים שרייבן תנאים . אונ דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . כדי דר רב זאל גאר ניט וויסן . אונ עס זאל ווערן פרוצלינג אחתונה . דר פאטר הט דס דר הערט . זאגט ער איר זענט גרעכט דר רב מיינט בוודאי דס דאזיגע . ער וויל אים פאר איין איידעם . אונ מען דארף דס מאכן כדי ער זאל זיין איער שוואגער . וועט איר אין איינם זיצן אין לערנן וועט דס זיין ביי מיר זייער טייער אז איר וועט אלע קאנן לערנן . דר שבת איז גוועזן ביי זיי גרעכענט איין יאר . דר שבת גייט אוועק מען הט גמאכט איין קאווע אונ מען האט זיך גזעצט אלע טרונקען . אונ דס שוועסטידעל הט מען גאנץ שיין אום גיטרויעט . זאגט דר פאטר האך נאר צו מיין קינד ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן . איך וויל אז דו זאלסט זיין מיין איידעם . אין דיא קינדר איין שוואגער כדי איר זאלט זיצן אין איינם אין לערנין . אונ נדן אונ מלבושים איז קיין מניעה ניט וויפיל דו וועסט זאגן גיב איך דיר . אונ זעה די בתולה אז זיא איז איין יפיפיה . אונ וועסט דיר זיין שון אוף איין ארט . אונ וועסט פר שפארן שון אנדערע זאכן צו טראכטן . דער בחור דר מאנט זיך אין דעם רעבס ווארט . אז דארפן ווי מען וועט אים בעטן פר איין איידם זאל ער וועלין . ענטפערט דר בחור (אם מה׳ יצא הדבר יוגמר בדבר טוב) מן סתם הייסט גאט אזו לאז זיין מיט מזל טוב .

זיי האבן גגעבן זיך די האנט אונ מען האט גיבראכן וייס גפעס אונ גשריבן תנאים . אונ מענטשן וואס זענען גוועזן נאך אין דארף האבן זיך גתתמנת אונ אויף דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . קאן מען אליין פר שטיין וואס איין שמחה עס איז גווארן אויף דר גאנצער פאמעליע . זינטאג אין דר פריא דר רענדאר איז גפארן גיט אין דר שטאט ווי דר רב איז נאר אין איין אנדער שטאט אונ האט אן גנומען אין קלייט אלדעס גוטץ וועגן דר כלה אויך וועגן דעם חתן . אונ מען האט אן גיטרונקען שניידערס . שוסטערס . סארוועררס . אונ כל הזאכן וואס מען דארף צו איין חתונה . אונ מען האט גיטרעביוועט אלדינג . בכדי אז עס זאל זיין אויף שבת גרייט . פרייטיג ביי טאג שיקט דר רענדאר צווישן זייגע רענדארס . אונ מען האט גיבראכט מיידלך צו דר כלה אויף דעם פאר שפיל . אונ אין דר שטאט ווי דר רב איז גוועזן הייסט מען קיין שום זאך ניט וואס דא טוט זיך . שבת איז גוועזן דאס אויף רופן . אונ דר פאר שפיל מיט גרוס אויף צוג . אונ מיט פיל פרייד . דינסטיג שיקט דר אירענדאר אריין פירען נאך דעם רב אונ רבינים אונ נאך אלע (יקירא קרתא) פאר נעמסטע מענטשן . זיי זאלן קומן אויף דעם חתן מאל . דר רב האט דר הערט אז דר בחור איז גיבליבן ביי דעם רענדאר פר איין איידעם . האט ער מיט דר רעביצען מיט דר בת יחידה אן גהובן צו חלושען אז מען האט זייא קאם דר מינטערט . גאנייי . האבן גזעהן אז די יונגע לייט האבן זיי דס אפ גטאן . דר ווייל איז ער דאך איין רב . ער האט מיט גנומען דס ווייב מיט דר בת יחידה . אונ זענין גפארן אין דארף אריין . ווי דר רב איז גקומן זאגט ער צום רונדאר . גלובט מיר אז איר זאלט ביי מיר צו נעמן מיין גאנץ רייכקייט . וואלט איך אייך אזא שונא ניט גוועזן ווי דר פר וואס איר האט ביי מיר צו גנומן דעם חתן . דר רענדאר שווייגט . אבר אין הארץ איז אים גרוס פרייד . אז ער האט אזא כלי דר טאפט . אונ דר רב איז אויף זיך איין ברוגז פר וואס האט ער דעם שכל ניט גטאן . אז ער זאל אים גזען בעטן אויף שבת צו זיך וואלט ער זיך גוועזן גשריבן מיט אים תנאים .

נאר עס איז שון פר פאלן . על כל פנים מען הט אהן גהובן
צו פראוועון דעם חתן מאל . זעצט זיך אנידר דר רב אין דיא
דיינים. דר חתן הייבט אן זאגן איין דרשה . אז עס האט גיבראכן
מוחות. די דיינים זענען גיבליבן פר דולט . זיי האבן שון ניט
גוויסט וואס ער זאגט . נאר דר רב הט גיהאלטן מות . ער
הט אזויא אוועק גזאגט איין ערך אפאר שעה . דר רב
מיט דעם ווייב מיט דר בת יחידה זייא גייען אום פון דיא
כוחות. מען הט אפ גפראוועט דעם חתנמאל פרייליך מיט
דר מאזיקע . אין דר פריא מען פראוועט וויטר אסעודה אוף
דעם העכסטן אופן . זייער צווי הט מען גמאכט דעם באדעקנס .
דר נאך איז דר רב גיגאנגן צום חתן הט דר חתן אנגיהובן
צו זאגן קבלה סענין החתונה אז עס הט אים גפלאמט דם פנים
ווי פייער . ער הט אזו אריין גרעט אז דר רב הט שון ניט
פר שטאנן . וואס ער זאגט מיין תורה ווערט דעם רב מיין
לעבר אין הארצן . אין קורצן מען הט זיי גפירט צו דר חופה
איז ערשט דר עולם פרייליך גווארן נאר אוף איין אנדר אופן .
מען הט אפ גפראוועט די סעודה עס איז גקומן צו דר דרשה
גישאנק דר חתן הט גזאגט זייער אגוטע דרשה . בקיצור מען
הט גפירט חתן כלה ביי לייגן דר חתן הט זיך אנגיהובן אום
טוען הט ער זיך דר מאנט אז דר רבי הצדיק הט אים
אריינגיניייט אין דר כנפה איין קוויטיל אונ הט אים אנגיזאגט
אז ער זאל פר דר חופה דם ארוס נעמן . אונ ער הט גאר
פר געסין . על כל פנים דר חתן טוט זיך איבר גייעם אן אונ
איז תיכף אריין גיגאנגן . דר פאטו מיט דר משפחה האבן דם
דר זעהן זענן זיי זייער דר שראקן גווארן . אוי וואס באטייט
דם. דר חתן איז צו גיגאנגן צום רב אונ זאגט אים נעמט
מיט זיך די (שושבינים) אונטר פירערס אונ קומט מיט מיר
אריין אין איין באזונדר חדר איך האב אייך עפעס צו זאגן .
דר רב הט באלד גנומן די אונטר פירערס אונ זענן אריין
גיגאנגן אין איין באזונדר חדר . זאגט דר חתן איר זאלט וויסן
אז איך האב עובר גוועזן אוף דעם רבים אן זאג נאר איך
בין ניט שולדיג איך האב גאר פר געסן . על כל פנים ווייזט
ער זיי די כנפה אונ זאגט אז דא אין דר כנפה ליגט איי

קוויטיל האט דר ר' ... מיר אליין אריין גילייגט אונ האט מיר אנגיזאגט אז דר רב פון דעם ארט ווי איך וועל זיין מיט די אונטער פירערס זאגן דאס ארוס געמן פאר דר חופה. דר רב נעמט דאס פענסטערזירעל אונ טרעגט אויף די כנופה אונ נעמט ארוס דאס קוויטיל שטייט אין קוויטיל (היתכן שישא איש את אחותו) איז דען רעכט אז איין מענש זאל נעמן זיין שוועסטער דר רב מיט די שושבינים קוקן אין קוויטיל אבר זיי ווייסן קיין פירוש ניט וואס ער האט אנגישריבן; דאס ווייסט איטליכר מענש אז זינט נאך מתן תורה מיר קיין ברודר ניט נעמן קיין שוועסטער. זיי ווייסן ניט וואס דאס באטייט. דר ווייל האט גיווערט די קלעריכץ ערך איין פערטיל שעה. דר מחותן האט דר זעהן אז עס גדווערט זייער לאנג האט ער גנומן די קינדר. אונ איז צו גינאנגן צו דר מיר אונ האט אקלאפ גטאן אין דר מיר מען האט אים געעפנט. דר הערט דר פאטר אז עס איז דא עפיס איין קוויטיל אין קוויטיל שטייט (היתכן שישא איש את אחותו) אונ מען קלערט וואס באטייט דאס. רופט זיך אן דר פאטר זאג מיר מיין קינד פון ואנען קומסטו ארוס נאר דעם אמת. זאגט דר חתן גלייבט מיר אז איך וויים ניט. נאר דאס גדענק איך אז אנגבריי ער האט גהייסן איוואן האט מיך ארוס גנומן פון איין גרוב. ביא דעם אונ דעם שררה אונ האט מיר גיגעבן אטליכע קערבליך אונ האט מיך אריבר גישטעלט איבר דעם גרעניץ פון דעם שררה אונ מען האט מיך אזו לאנג גפירט ביז צום רבי הקדוש ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב אונ ער האט מיך גמאכט פר איין יוד. דר פאטר אונ מוטר האבן דאס דר הערט איז זיי אריין גקומן אין שכל. אפשר איז דאס זייער קינד וואס זיי האבן פר געסן אין גרוב. רופט זיך אן דר פאטר מיין קינד דו גדענקסט נאך דאס דארף פון דעם שררה. זאגט ער יוא. גדענקסט די בעלי בתים פון דארף זאגט ער יוא. האט דר רענדאר אן גהובן אום צו רעכינן די נעמן פון די בעלי בתים אונ דעם בעל הבית איוואן אונ זאגט איין סימן ער איז איין בעזדיטניק. אונ רעכינט אים דעם לאקאשען דעם שלעכטן. דר חתן האט דאס גהערט אונ שווייגט דר פאטר אונ מוטר זענן זיים ארוף גיאן אויף דעם האלדז

אט: האבן אין גיטבן צו קלגן . די ביקם אונזר זון . בקיצור
זיי האבן זיך צו רעם . דר חתן זאגט דעם סימן . די פאטר
אונ מוטר זאגן דעם סימן . דר אמת איז אז ער איז זייער
קינד . היינט איז דר רעגראר שיין זיין פאטר . אונ די
מחותנים זענן בטעות זעגן זיי גיט מי . דר רב הט דס דר
הערט . זאגט ער צו דעם פאטר . נא היינט נעמט סיך פר
אייך מחותן אז השי"ת הט גהאלפן אז הצדיק הקדוש הט פר
היט אז ער זאל ניט נכשל ווערן אין עבירה כזו , איך גיב
אייך דעם גבן נום איר הט צו גזאגט אים . אונ לאמר
שטעלין איבר נאייעם א חופה בשירת למזל טוב . די פאטר
אונ מוטר האבן ניט פיל גיטראכט אונ מזל טוב אונ מען
הט גישטעלט איין חופה מיט דעם רבס בת יחידה אונ זיי
זענן גוועזן נגידים ביז צום זייער לעבן . השי"ת זאל אוף
אונז רחמנות האבן אונ זאל תמיד אפ היטן אז מיר זאלן
חלילה ניט נכשל ווערן אין קיין שום עבירה . ובזכות זה
וועט אוף אונז דר רוסישער קיסר יר"ה אונ אלע זיינע שרי
מלוכה גוטע הערצר האבן . אונ זאלן אונז גומץ טאן עד
ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה :

ענדע